ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



פרשת וישלח

י"ג כסלו תשס"ה

בס"ד

פרשת וישלח    עדיטור - איידלה וועכטער

צעירי השלוחים

טייערע קינדער שלוחים,

דעם חודש פון כסלו איז אזא פולע חסידישע חודש אז עס ווארעמט אין די קאלטן ווינטער. כמעט יעדן טאג פון חודש פרייען מיר זיך מיט אונזערע הייליגע נשיאים. איך בין זיכער אז אין די טעג זייט איר זייער פארנומען, איר גרייט זיך שוין צו מסתמא אויף חנוכה מיט "מנורה אנצינדונגען" און מבצע חנוכה, איר האט אסאך צו טאן. מאכט זיכער אבער, אז איר נעמט די צייט צו לערנען וועגן די ספעציעלע טעג פון די חודש!

קינדער! די וואך איז א ספעציעלע ראש השנה לחסידות. מאכט זיכער צו זיין א חלק פון די פארברענגענישן לכבוד י"ט כסלו, און נעמט אן גוטע החלטות אויף די גאנצע יאר.

לשנה טובה בלימוד החסידות

ובדרכי החסידות תכתבו ותחתמו!!!

## לעבן מיט דער צייט

## י"ד כסלו

מזל טוב!! מזל טוב!! היינט איז דער טאג
פון דער גרויסע חתונה,
פון דער רבי מיט זיין הייליגע פרוי
רביצין חי' מושקא.
אין צייט פון די חתונה
מיט'ן טאכטער פון דער נשיא,
האט מען געוואוסט אז דער רבי וועט זיין
דעם רבי פון דור השביעי.
אויף "דעם טאג וואס האט פארבונדען
אייך מיט מיר און מיר מיט אייך"
לאמיר שטארקן אונזערע התקשרות
און זעהן זיך מיטן רבי'ן שוין גלייך!

*קינדער דעם שבת איז יד כסלו, די טאג פון דער חתונה פון אונזערע הייליגע מאמע און טאטע, דער רבי און רביצין.*
*אויף דער טאג וואס דער רבי האט חתונה געהאט מיט די פריערדיקע רבים טאכטער, האט מען שוין געוואוסט אז ער וועט זייו דעם נעקסטע רבי.*
*די רביצין איז פון אנהויב פון דער נשיאות געווען דער רבי׳ס גרעסטע חסיד!! אין שפעטערדיגע יארן האט דער רבי געזאגט אז דאס איז די טאג וואס האט פארבונדען דער רבי מיט אונז—די חסידים.*
*דאס איז זייער א גוטע טאג צו טראכטן וועגן אונזער התקשרות מיט דער רבי און לערנען פון דער רבי׳ס הוראות, קוקן אויף בילדער פון דער רבי און אויף ווידיוס פון דער רבי, און ארייננשרייבן און גיין צו דער רבי׳ס אוהל. איר- די טייערע קינדער מוזן שוין פועל׳ן אז מיר זאלן שוין האבן די גאולה און זעהן דעם רבי נאו!!*

## א הוראה פון די פרשה

## פרשת וישלח

דער אידישער פאלק ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון יעקב, וואס אויף יעקב׳ן שטייט אז *"קטן הוא"* - ער איז קליין.

דער טעם אויף דעם וואס אידן ווערן אנגערופען *"קטן"*:

יעדער איד דארף פילן אז ער באקומט אלץ וואס ער האט (און דארף האבן) פון דעם אויבערשטן, וואס ער האט אלץ באשאפן, *"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"*, און גיט די *"שמים וארץ וכל צבאיהם"* אלץ וואס זיי דארפן.

קומט אויס, אז יעדער איד- וואס קטן הוא- דארף זיך באטראכטן פונקט ווי ער איז די לבנה, דער מאור הקטן (קליינע ליכט), וואס באקומט איר ליכט פון דעם שמש דעם מאור הגדול.

ווי גרויס ער זאל נאר זיין, און ווי גרויס ער וועט נאר ווערן- און זיכער וועט ער ווערן גרויס, "זה הקטן גדול יהיה" (יעדער קליינע איד וועטווערן גרויס) איז ער פונדעסטוועגן קליין ביי זיך ווי א קטן, וויסנדיק אז דאס אלץ איז מיט דעם כח און די ברכו, פון דעם אויבערשטער, דעם "מאור הגדול".

און די אפלערנגג דערפון:

אידישע קינדער קטנים און קטנות דארפן זיך אנשליסן אין צבאות ה׳, די ארמיי פון אויבערשטן, דעם *מאור הגדול*. וואס דעמאלט באקומט מען פון דעם אויבערשטן אליין - דער קאמענדער אין טשיף דער *"מאור הגדול"* - אלץ וואס מען דארף כדי צו קענען רואיקערהייט מנצח זיין אין מלחמת היצר, פונקט ווי אין א גשמיות׳דיקער ארמיי, אז יעדערער וואס געפינט זיך אין דער ארמיי באקומט אלץ וואס ער דארף כדי צו קענען דורכפירן זיין תפקיד אין דעם צבא, און מנצח זיין.

און דורך דעם באקומט מען דעם כח צו זיין א "מאור" אז טראץ. דעם וואס ער איז גאר א קטן און בפרט אין פארגלייך מיט שמים וארץ וכל צבאיהם (די הימל, ערד און אלץ אין דעם), האט ער בכח צו באלייכטן יעדער איד, סיי אינגעלאך און סיי מיידעלעך, און דורך זיי - אויך זייערע עלטערן, קרובים, ביז אז זיי לייכטן און באלייכטן די גאנצע וועלט, ביז יעדער איד ווערט

ב"ה



# דערציייל מיר א מעשה

א אינגעלע איז געגאנגען שפאצירן מיט זיין פאטער אין פעלד. עס איז געווען א פיינער, און ליכטיגעקער טאג, די זון האט געשיינט, די פייגעלעך האבן געזונגען, און אלץ ארום האט געשטראלט מיט פרייד. פלוצלונג האט זיך א וואלקן פארצויגן איבער'ן הימל. א געדיכטער, פינסטערע וואלקן איז דאס געווען, וואס האט פארשטעלט די זון און געווארפן א טיפן שאטן איבער'ן פעלד.

א וואלקן האט זיך פארצויגן אויך אויף דעם פריילעכן פנים פון דעם אינגעלע. "וואס פאר א שלעכטע וואלקן" האט ער אויסגערופען. "דער וואלקן פירט איבער דעם גאנצן שיינעם טאג. איך האב פיינט א וואלקן! "מיין קינד", האט דער טאטע געענטפערט, "מיין ניט אז א וואלקן איז א שלעכטע זאך. אט באלד וועט אנהויבן רעגענען, און דער רעגן וועט באגיסן דעם פעלדאון מאכן אלץ בליען, און ברענגען די ג-טלעכע ברכה אין דער וועלט. אן דעם וואלקן וואלט קיין רעגן ניט געווען, זעסטו אז דוקא פון דעם טונקלן וואלקן קומט ארויס אזא גוטע זאך ווי רעגן. און נאכן רעגן, ווערט דער וואלקן אויסגעשעפט און ווידער לייכט די זון, און נאך ליכטיקער ווי פריער".

דער אינגעלע האט זיך פארטראכט, און דער פאטער האט ווייטער גערעדט" אט אזוי, מיין קינד, איז אויך אין מענטשלעכן לעבן. אפט פאסירט, אז אויף דעם ליכטיגן הימל פון מענטשלעכן לעבן פארציט זיך פלולונג א וואלקן. אבער דער אויבערשטער איז א גוטער, און פון דעם וואלקן, קומט ארויס גוטעס. מען דארף אלעמאל האבן בטחון אין ה', אז דער הימל וועט זיך באלד ווידער אויסלייטערן, און מען וועט ערשט דאן זעהן די ברכה וואס עס איז פון דעם ,וואלקן, ארויסגעקומען!!

*(שמועסן מיט קינדער)*

**איינער איז אמאל אריינגעגאנגען צו דער רבי און רביצין'ס שטוב מיט זיין ווייב און קינד. ווען די עלטערן האבן גערעדט מיט די רביצין איז זייער קינד ארומגעגאנגען און געקוקט דורך די שטוב. זי האט געקוקט אין אלע צימערן און האט נישט געזעהן קיינע קינדער!! אפילו שפילצייגן זיינען נישט געווען! די קינד איז צוריק אריין געגאנגען אין די צימער וואו דער רביצין זיינען געווען, און האט געפרעגט איך בין דורכגעגאנגען די גאנצע שטוב און איך האב נישט געפונען קיין קינדער. וואו זיינען אייערע קינדער?!" מיט א גרויסע שמייכל און אויגן פול מיט ליבשאפט, האט די רביצין גענומען די קינד צום פענסטער און געקוקט צו 770. "דארטן זיינען מיינע קינדער!"" האט די רביצין געזאגט.**

***קינדער מיר זיינען די טייערע קינדער פון דער רבי און רביצין, לאמיר זיכער זיי געבן אונזערע הייליגע עלטערן אסאך נחת!!***

*(א הוראה פון די פרשה)*

אן אנפירער און ברעגט די גאולה צו דער גאנצער וועלט- דורך (די אור אייניקל פון דוד מלך המשיח, וואס אויף אים שטייט *"דוד הוא הקטן"*.

(פורים קטן תשמ"א)

*קינדער זיכער איר, די טייערע שלוחים, מוז'ן זיך האלטן גרויס מיט אייערע שליחות. איר ארבעט פאר דעם מלך!! נאר מען מוז אלעמאל געדענקן אז אונזער גאנצער הצלחה קומט פון דעם אויבערשטן, דורך די ברכות פון דער רבי.*



## י"ט כסלו

**א טאג פון שמחה,**
**פון פריילעכע געזאנגען,**
**דער אלטער רבי איז פון**
**תפיסא ארויסגעגאנגען.**
**אין הימל האט מען געזאגט**
**אז חסידות מעג און דארף**
**זיך פארשפרייטן,**
**און מען האט צובראכען די**
**אייזענע קייטן פון דעם רבין**
**מיר ווינטשן אייך אלע אן**
**"לשנה טובה",**
**א יאר פון חסידות, הפצה, גאולה!!**



A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

# י"ט כסלו

*פאקס צו די שלוחים אופיס פאר פון יום רביעי י"ח כסלו און דו קענסט געווינען א פרייז!*
*(718) 221-0985*

(1) וואס איז געשען אויף י"ט כסלו? ___________________________

(2) וואס רופען מען די חסידים דער טאג - י"ט כסלו?_________________________

(3)וואס איז דער נאמען פון דער אלטער רבי?_________________________

(4)וואס זיינען 2 ספרים וואס דער אלטער רבי האט געשריבען?_____________________

(5)אויף ווי לאנג איז דער אלטער רבי געווען אין תפיסה?____________________

(6)וועלכע 2 ספרים מיר אנהען מיר אן אויף י"ט כסלו?_____________ & _____________

(7)וויפול פרקים האט די תניא?_________________

(8)ווען'ם יארצייט איזן אויף י"ט כסלו?_________________

(9)די תניא איז א ספר של ________________

(10) ווער האט די זעלבע יום הולדת פון דער אלטער רבי? _______________

שם: ____________________________ ווי אלט ____

אדרעס:___________________________________________

אי-מייעל: ______________________________________

הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org